בלק תשפ"ה
גליון 245

# דעם רבינ'ס ליכט



אײַערע קינדער זאָלט איר מודיע זײַן
וואָס דאָ האָט זיך גיטאָן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

בָּרוּךְ שֶׁהֶחֱיָנוּ וְקִיְּמָנוּ וְהִגִּיעָנוּ לַזְּמַן הַזֶּה

געלויבט השם יִתְבָּרַךְ אַז עס איז שוין אַריבער פינף יאר וואס קומט אַרויס בעז"ה וועכענטליך "דעם רבינ'ס ליכט" און מאכט ליכטיג די יונגע הערצעלעך אַרום דער וועלט. אילו פִינוּ מָלֵא שִׁירָה כַּיָּם קענען מיר נישט גענוג דאנקן דעם אויבערשטן פאר אַלע חֲסָדִים און טובות וואס ער האט געמאכט מיט אונז ביז איצט, עַד הֵנָּה עֲזָרוּנוּ ער האט אונז געהאָלפן ביז אַהער, בעטן מיר ער זאל אונז ווייטער העלפן צושפרייטן דעם רבי'נס דעת ביז עס וועט מְקֻיָּם ווערן "אוֹר חָדָשׁ עַל צִיּוֹן תָּאִיר".

מיר שטייען אין פרשת בָּלָק, לאמיר זען וואס בָּלָק האט געוואלט טון פאר די אידישע קינדער. חז"ל זאגן "מִבִּרְכוֹתָיו שֶׁל אוֹתוֹ רָשָׁע אָנוּ לְמֵדִים מַה הָיָה בְּלִבּוֹ - פון זיינע ברכות קענען מיר לערנען וואס ער האט געהאט אין זיין הארץ אונז צו שעלטן". איינע פון די ברכות פון בלעם איז געווען, "מִי מָנָה עֲפַר יַעֲקֹב וּמִסְפָּר אֶת רֹבַע יִשְׂרָאֵל", טייטש רבי נָתָן אַזוי: "ווער קען ציילן און אָפּשאצן דאס טייערקייט און היילגקייט פון יעדע טריט ווען מען טרעט אויף די ערד, גייענדיג אין בית המדרש, טרעטנדיג אויף די זאמד ביים גיין צו התבודדות אדער אין חדר, וואס פון די אַלע טריט ווערט אויבן אין הימל תקונים און עס איז דא למעלה פון דעם א געוואלדיגע נחת רוח".

עס איז נאך נישט באשאפן געווארן דער קאמפיוטער וואס קען אפציילן און אויסרעכענען די טייערקייט און שַׁעֲשׁוּעִים פון יעדן טריט און טריט וואס מען גייט אויף דער ערד צו טון א היילגע זאך, ווי למשל אַרויסטראָגן די מיסט ווען טאטע-מאמע בעטן, גיין איינקויפן לכבוד שבת, ווען א אינגל טוט אן זיין טעשעלע צו גיין אין חדר, אפילו נאר פון די טריט גייענדיג אויפן וועג נאך פארן אנקומען אין חדר, ווערן פון די אַלע טריט אָפּגעטון גאר גרויסע תקונים וואס מיר קענען דאס נישט אריינעמען אין אונזער מוח, די טייערקייט און גרויסקייט דערפון.

בלעם זאגט: "הֶן עָם לְבָדָד יִשְׁכֹּן וּבַגּוֹיִם לֹא יִתְחַשָּׁב" טייטש דער תרגום יונתן אַז כלל ישראל



רֶעכֶענֶען זִיךְ נִישְׁט מִיט דִי גוֹיִם, זֵיי גֵייעֶן נִישְׁט נָאךְ דִי גוֹי'שֶׁע מָאדֶעס דִי גוֹי'שֶׁע שְׁפִּילֶעַרַייעֶן אוּן אַלֶע סָארְטְן אִיבֶּערְגֶעטְרִיבֶּענֶע נַאשֶׁעַרַייעֶן, טַייעֶרֶע קְלַיידֶער אוּן לוּקסוּס'דִיגֶע מֶעבְּל א.א.וו. דִי גוֹיִם לֶעבְּן נָאר אֵיינְמָאל אוֹיף דִי וֶועלְט מוּזְן זֵיי גְלַייךְ זִיךְ אוֹיפְכַאפְּן אוֹיף יֶעדֶע נַייעֶ טֶעכְנָאלָאגְיֶע אוּן תַּאֲווֹת וָואס שְׁווִימֶען כְּסֵדֶר אַרוֹיף וִוי שְׁוַואמֶען נָאךְ אַ רֶעגְן, וַוייל דָאס אִיז זֵייעֶר גַאנְצֶער חִיוּת.

אָבֶּער אִידִישֶׁע קִינְדֶער לֶעבְּן מִיט גָאר אַן אַנְדֶערְן תַּכְלִית זֵיי לֶעבְּן אַ פָּשׁוּטֶע לֶעבְּן אוּן קוֹיפְן נָאר וָואס מֶען מוּז כְּדֵי צוּ קֶענֶען מִיט דֶעם דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער. וִויאַזוֹי קֶען מֶען טַאקֶע צוּקוּמֶען צוּ דֶעם? זָאגְט רֶבִּי נָתָן "הֵן עָם לְבָדָד יִשְׁכּוֹן" דִי אִידְן זֶענֶען אַ הֵיילִיג פָּאלְק זֵיי גֶעוואוֹינֶען זִיךְ צוּ צוּ מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט "לֵךְ עַמִּי בֹּא בַחֲדָרֶיךָ וּסְגֹר דְּלָתֶיךָ" (יְשַׁעְיָהוּ כו, כ) זֵיי בַּאהַאלְטְן זִיךְ אוּנְטֶער דֶעם בַּאשֶׁעפֶער'ס פְלִיגְלֶען אַזוֹי וִוי סְ'שְׁטֵייט אִין תְּהִלִּים "כִּי אַתָּה ה' מַחְסִי עֶלְיוֹן שַׂמְתָּ מְעוֹנֶךָ (תְּהִלִּים צא, ט)" זָאגְט דָּוִד הַמֶּלֶךְ פַאר בַּאשֶׁעפֶער: "גָאט בָּרוּךְ הוּא דִי בִּיסְט מַיין וואוֹינְאָרְט מַיין שְׁטוּב, מַיין פַארְזִיכֶערוּנְג, אִיךְ לֶעבְּן נָאר פַאר דִיר". אִיךְ דַארְף נָאר וָואס עֶס פֶעלְט אוֹיס צוּ קֶענֶען דִינֶעם דֶעם בַּאשֶׁעפֶער מִיט אַ שִׂמְחָה אוּן יִשּׁוּב הַדַּעַת".

בִּלְעָם הָאט זִיךְ גֶעווּאוּנְטְשְׁן "תָּמֹת נַפְשִׁי מוֹת יְשָׁרִים וּתְהִי אַחֲרִיתִי כָּמֹהוּ", הַלְוַואי וָואלְט אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ גֵיין אִין דֶעם וֶועג, זִיךְ שְׁטַארְקְן יֶעדְן טָאג אוּן אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ פַארְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן מִיט שְׁטַארְקֶע רְצוֹנוֹת אוּן קַיינְמָאל נִישְׁט אָפְּלָאזְן דָאס רָצוֹן אוּן גְלוּסְטֶענִישְׁן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, וָואלְט מַיין סוֹף גֶעוֶוען זֵייעֶר גוּט. יָא בִּלְעָם'ל הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטְן בַּיים אוֹיבֶּערְשְׁטְן דִי אַלֶע וֶוערְטֶער, וַוייל דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים דָאס אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין מוֹיל עֶר זָאל דֶערְמִיט שְׁטַארְקְן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֵיי זָאל זַיין שְׁטַארְק אִין דֶער עִנְיָן פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, זִיךְ אוֹיסְגִיסְן יֶעדְן טָאג דָאס הַארְץ פַארְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן, מִיט שְׁטַארְקֶע רְצוֹנוֹת אוּן כִּסּוּפִים.

בִּלְעָם הָאט גֶעוָואלְט חוֹזֵק מַאכְן פוּן דִי הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה, קַאלְט אוּן שְׁוַואךְ מַאכְן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶערְלֶעךְ כְּדֵי זֵיי צוּ דֶערְוַוייטֶערְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אָבֶּער דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער מִיט זַיין גְרוֹיס רַחֲמָנוּת הָאט אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט זַיינֶע קְלָלוֹת צוּ בְּרָכוֹת אוֹיף אַזוֹי וַוייט אַז בִּלְעָם אַלֵיין הָאט גֶעמוּזְט מוֹדֶה זַיין וִוי טַייעֶר אוּן חָשׁוּב זֶענֶען דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶערְלֶעךְ מִיט זֵייעֶרֶע הֵיילִיגֶע עֲבוֹדוֹת בַּיים אוֹיבֶּערְשְׁטְן (ליקו"ה ברכת השחר ה' פ"ז).

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז אַזוֹי וִוי אִין יֶענֶע צַייט אִיז גֶעוָוארְן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט אַלֶע קְלָלוֹת צוּ בְּרָכוֹת זָאל הַיינְט אוֹיךְ וֶוערְן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט אַלֶע גְּזֵרוֹת אוּן דִינִים צוּ בְּרָכוֹת אוּן יְשׁוּעוֹת אוּן דֶער חֹדֶשׁ זָאל נִתְהַפֵּךְ וֶוערְן לְשָׂשׂוֹן וּלְשִׂמְחָה אָמֵן.

## איין מעשה'לע

מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א אִיז גֶעפָארְן קַיין אַמֶערִיקֶע צוּ בַּאזוּכְן זַיינֶע עֶלְטֶערְן וֶוען עֶר אִיז פְּלוּצְלוּנְג גֶעבְּלִיבְּן גֶעשְׁטְרַאנְדֶעט (שְׁטֶעקְן) אִין חוּץ לָאָרֶץ אִינְמִיטְן דִי מִלְחָמָה.

אוֹי, וִוי מִיר הָאבְּן זִיךְ דֶערְשְׁרָאקְן. אִין יֶענֶע טֶעג הָאט מֶען נָאכְנִישְׁט גֶעוואוּסְט וֶוען מֶען וֶועט קֶענֶען צוּרִיקְקוּמֶען אוּן וָואס עֶס וֶועט זִיךְ אוֹיסְקָאכְן מִיט דִי מִלְחָמָה. סְ'אִיז גֶעפַאלְן אַ פַּחַד וִוי דִי צִיּוֹנִים הָאבְּן זִיךְ

גֶערֵייצְט מִיט דִי אַרַאבֶּער אָן קַיין חֶשְׁבּוֹן וָואס עֶס וֶועט פַּאסִירְן צוּ כְּלַל יִשְׂרָאֵל הַשֵּׁם יְרַחֵם.

אָבֶּער מִיר, עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער וֵוייסְן שׁוֹין יָא וָואס דָאס מֵיינְט מִלְחָמָה דוּרְךְ דֶעם רֶבִּינְ׳ס סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת. בַּיי דִי מַעֲשֶׂה פוּן בַּעַל תְּפִלָּה רֶעדְט דֶער רֶבִּי וֶועגְן דֶער שְׁוֶוערְד וָואס הָאט צְוֵויי זַייטְן. מֶען קֶען אֶפְשָׁר אוֹיסְטַייטְשְׁן דֶער צְוֵויי זַייטִיגֶער שְׁוֶוערְד צֵייגְט אַז מֶען קֶען דָאס נוּצְן אָדֶער פוּן אֵיין זַייט צוּ תְּפִלָּה אָדֶער דֶער צְוֵוייטֶער זַייט אַלְץ אַ גֶעוֶוענְלִיכֶער שְׁוֶוערְד. מֶען הָאט אַ בְּחִירָה צוּ קְלַייבְּן אֵיין זַייט. אוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִיבֶּערְן לַאנְד הָאבְּן זִיךְ טַאקֶע גֶענוּמֶען צוּם עֶרְשְׁטְן זַייט פוּן תְּפִלָּה. מֶען הָאט מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען פוּן טִיפְן הַארְצְן אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז שׁוֹמֵר וּמַצִּיל זַיין.

דָאס אַלֶעס קֶען מֶען שׁוֹין הַיינְט דֶערְצֵיילְן אִין פְרֵיידְן אָבֶּער אִין יֶענֶע שְׁוֶוערֶע טֶעג וֶוען מַיין טַאטֶע אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען מִיט אוּנְז וֶוען דִי בָּאמְבֶּעס הָאבְּן גֶערֶעגְנְט וִוי אַ הָאגְל אִיז גֶעוֶוען בִּיטֶער שְׁוֶוער. סַיי פַאר מַיין טַאטֶע וֶועלְכֶער הָאט זִיךְ גֶעזָארְגְט פַאר אוּנְז אוּן סַיי פַאר מַיין מַאמֶע אוּן אוּנְז קִינְדֶער וֶועלְכֶע זֶענֶען גֶעוֶוען אַלֵיין.

מֶען הָאט גֶערֶעדְט אַז פַאר עֶטְלִיכֶע וָואכְן אִיז נִישְׁטָא פוּן וָואס צוּ רֶעדְן וֶועגְן אַהֵיימְקוּמֶען. אוּנְזֶערֶע תְּפִלּוֹת זֶענֶען גֶעוֶוען אוֹיף אַ שְׁטַארְקֶע פַארְנֶעם מֶער וִוי סַיי וֶועמֶען וָואס הָאט מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען אִין אַלְגֶעמֵיין פַאר דִי מִלְחָמָה. מִיר הָאבְּן גֶעזָאגְט שְׁמוֹת הַצַּדִּיקִים אוּן עֶטְלִיכֶע מָאל תִּיקּוּן הַכְּלָלִי, דֶערְצוּ הָאבְּן מִיר זִיךְ אֵיינְגֶעטֵיילְט מִיטְן סֵפֶר תְּהִלִּים אוּן גֶעהָאפְט אוֹיף אַ גַאנְצֶע יְשׁוּעָה.

אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּן נָאךְ שַׁבָּת אִיז מַיין טַאטֶע גֶעוֶוען אִין פַארְבִּינְדוּנְג מִיט רַייזֶע אַגֶענְטְן וֶועלְכֶע הָאבְּן פְּרוּבִּירְט אוֹיפְצוּקוּמֶען מִיט מִיטְלֶען וִוי אַזוֹי זִיךְ אַרִיבֶּערְצוּכַאפְּן דִי גְרֶענִיץ קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. דִי פְלִיגֶערְס זֶענֶען נִישְׁט גֶעפָארְן אָבֶּער אֲפִילוּ וֶוען יָא, אִיז דָאס אַ גֶעוַואלְדִיגֶע סַכָּנָה צוּ זַיין אִין דִי לוּפְטְן וֶוען עֶס פְלִיעֶן מִיסִילְס פוּן אַלֶע זַייטְן הַשֵּׁם יְרַחֵם.

דִינְסְטָאג נָאכְמִיטָאג, וֶוען מֶען טַאטֶע אִיז גֶעוֶוען בַּיי אָן אֲסִיפָה, הָאט זַיין טֶעלֶעפָאן פְלוּצְלוּנְג זִיךְ צֶעקְלִינְגֶען. אוֹיפְן אַנְדֶערְן זַייט אִיז גֶעוֶוען דֶער רַייזֶע אַגֶענְט וָואס הָאט אִים גֶעמָאלְדְן אַז בִּיז אַ שָׁעָה דַארְף עֶר אַרוֹיסְפָארְן צוּם לוּפְט פֶעלְד!

עֶר הָאט גֶעכַאפְּט אַ שָׂאק. וָואס-וֶוען-וואוּ? עֶר הָאט נִישְׁט גֶעפְרֶעגְט קַיין שְׁאֵלוֹת נָאר אַהֵיימְגֶעלָאפְן צוּ מַיין בַּאבֶּע׳ס שְׁטוּב. נָאךְ גוּט אַז זַיין רֶענְצְל אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען גֶעפַּאקְט פוּן פְרִיעֶר מֵיינֶענְדִיג אַז עֶר קוּמְט אַהֵיים מוֹצָאֵי שַׁבָּת. מַיין בַּאבֶּע הָאט אִים אִין דִי שְׁנֶעלְקַייט אֵיינְגֶעפַּאקְט צֵידָה לַדֶּרֶךְ אוּן עֶר אִיז גֶעלָאפְן.

פוּן נְיוּ יָארְק הָאט עֶר גֶענוּמֶען אַ פְלִיגֶער קַיין אִיטַאלְיֶע וואוּ עֶר הָאט זִיךְ צַאמְגֶעטְרָאפְן מִיט אַ גְרוּפֶּע אִידְן וֶועלְכֶע זֶענֶען גֶעפָארְן קַיין מִצְרַיִם אוּן פוּן דָארְט הָאבְּן זֵיי גֶעהָאפְט אַרִיבֶּערְצוּגֵיין דֶעם גְרֶענִיץ צוּפוּס.

וִוי נָאר מַיין טַאטֶע הָאט זִיךְ אַרוֹיפְגֶעזֶעצְט אוֹיפְן פְלִיגֶער אוּן גֶעעֶפְנְט אַ סֵפֶר, הָאט זִיךְ אִים אוֹיפְגֶעמִישְׁט וִוי ר׳ נָתָן פָארְט קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. אַיי, דִי כִּסּוּפִים וָואס רֶבִּי נָתָן אִיז אַרִיבֶּער, דִי שְׁוֶועריִגְקַייט אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ וָואס עֶר הָאט אַלְץ מִיטְגֶעמַאכְט אִיז נִישְׁט צוּם בַּאשְׁרַייבְּן. מַיין טַאטֶע הָאט זִיךְ מַמָּשׁ גֶעשְׁפִּירְט וִוי עֶר לֶעבְּט דָאס אִיבֶּער מִיט רֶבִּי נָתָן, אָבֶּער אוֹיף פִיל אַ קְלֶענֶערֶע פַארְנֶעם וָואס מֶען קֶען בִּכְלַל נִישְׁט פַארְגְלַייכְן.

המשך אויף זייט 10




# הִתְבּוֹדְדוּת

ווי אַ גאַסט וואָס איז אָנגעקומען אין אַ נייער וועלט, אַזוי האָט זיך געפילט דער גאון ר' אַבְרָהָם אֵלִיָּהוּ מייזעס ז"ל ווען ער איז אָנגעקומען צום בְּרֶסְלֶבֶ'ער קלויז אין אומאַן, וואָס האָט דאָרט פּאַסירט?

ר' אַבְרָהָם אֵלִיָּהוּ מייזעס איז געבוירן אין מינסק און נאָך פון קליינווייז אָן איז ער געוואָרן אַ יָתוֹם פון זיין טאַטע מאַמע, ער האָט געדאַרפט אַליין זוכן אַבִיסל בְּרויט זיך צו האַלטן ביים לעבן, ווען ער איז עלטער געוואָרן האָט זיך אַרויסגעוויזן זיינע געוואַלדיגע כִּשְׁרוֹנוֹת - ער איז געווען אַ גאון און תַּלְמִיד חָכָם עָצוּם. ער איז אויך געווען אַ מְסִירוּת־נֶפֶשׁ איד, אין די צייט פון די קאָמוניסטן האָט ער זיך מוסר נֶפֶשׁ געווען אויף יעדע מִצְוָה, ער האָט געעפֶנט אין יענע צייט אַ יְשִׁיבָה מיטן נאָמען "יְשִׁיבַת מְסִירוּת נֶפֶשׁ"... די רוסן האָבן אים צום סוֹף געכאַפּט און פאַרשיקט קיין סיביר אויף צען יאָר! ווען אויך דאָרט איז זיך ר' אַבְרָהָם אֵלִיָּהוּ מוסר נֶפֶשׁ אויף יעדע פּינטעלע אידישקייט. אַ ביישפּיל מיר זאָלן באַקומען אַ הַשָּׂגָה וויפיל מְסִירוּת נֶפֶשׁ ער האָט געהאַט פאַרן רְצוֹן הַשֵּׁם, אַז אין סיביר האָט ער געבויעט אַ באַהאַלטענע סוּכָּה אין אַ בּוֹר און יעדן טאָג געזעצן דאָרט צו מְקַיֵּים זיין לֵישֵׁב בַּסֻּכָּה, אַמאָל האָבן די רְשָׁעִים געכאַפּט די סוּכָּה און האָבן אים געהייסן אַרויסגיין אָבער ער האָט זיך בְּשׁוּם אוֹפֶן נישט געלאָזט, כאָטש ער האָט באַקומען פון זיי מערדערישע קלעפּ איז ער געבליבן זיצן מיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ אין זיין סוּכָּה'לע...

דער באַשעפער האָט אַזוי צוגעפירט אַז ר' אַבְרָהָם אֵלִיָּהוּ איז אָנגעקומען אין איינע פון זיינע וואַנדערן ערטער צום שטאָט אומאַן אין אוקריינע, וויבאַלד ער איז געווען אַ מוֹרָא'דיגער יְרֵא שָׁמַיִם אַ תַּלְמִיד חָכָם און עוֹבֵד הַשֵּׁם, האָט די תְּמִימוּתְ'דיגע עֲבוֹדָה פון די ערליכע בְּרֶסְלֶבֶ'ע חֲסִידִים אים זייער באַנומען, אַזאַ אֱמֶת, אַזאַ ברען האָט ער קיינמאָל ביז דעמאָלס נישט

גֶעזֶען, עֶר אִיז גֶעוֶוען פוּל מִיט הִתְפַּעֲלוּת פוּן דִי וַוארֶעמֶע תְּפִלּוֹת אוּן דִי עֲבוֹדָה פוּן דִי אָרֶעמֶע חֲסִידִים, עֶר פְלֶעגְט זֵיי זֶען אַרוֹיסְגֵיין אִין פֶעלְד אוּן עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט וָואס טוּעֶן זֵיי דָארְטְן צְווִישְׁן דִי בֵּיימֶער אַזַא לַאנְגֶע צַייט? ווִי אַזוֹי מַאכְט מֶען הִתְבּוֹדְדוּת? הָאט עֶר בַּאשְׁלָאסְן אַז עֶר וֶועט זֶען אֵיינֶעם אַ חָסִיד אַרוֹיסְגֵיין אִין וַואלְד וֶועט עֶר אִים שְׁטִילֶערְהֵייט נָאכְגֵיין אוּן זֶען וָואס דֶער אִיד פְּרַאוֶועט אַרוּם דָארְט...

עֶס הָאט נִישְׁט לַאנְג גֶעדוֹיעֶרְט אוּן דִי גֶעלֶעגְנְהַייט אִיז אָנְגֶעקוּמֶען, עֶר הָאט גֶעזֶען ווִי דֶער חָסִיד ר׳ חַיִּים בִּנְיָמִין בְּרָאד ז״ל גְרֵייט זִיךְ צוּ אַרוֹיסְגֵיין אִין וַואלְד, הָא, הָאט ר׳ אַבְרָהָם אֵלִיָּהוּ גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ ר׳ חַיִּים בִּנְיָמִין אִיז אַ פָּשׁוּטֶ׳ער אִיד, לָאמִיר זֶען וָואס עֶר קֶען שׁוֹין פַּארְבְּרֶענְגֶען אִין וַואלְד, שְׁטִיל אִיז עֶר אִים נָאכְגֶעגַאנְגֶען וֶוען עֶר גִיבְּט אַכְטוּנְג צוּ שְׁטֵיין גֶענוּג וַוייט אַז ר׳ חַיִּים בִּנְיָמִין זָאל נִישְׁט בַּאמֶערְקְן, ווִי נָאר ר׳ חַיִּים בִּנְיָמִין אִיז אַרַיין גֶענוּג טִיף אִין וַואלְד צְווִישְׁן דִי גְרָאזְן אוּן בֵּיימֶער הָאט עֶר אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ רֶעדְן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן פָּשׁוּט אַזוֹי ווִי מֶען רֶעדְט צוּ חַבֵר וָואס שְׁטֵייט הַארְט נֶעבְּן אִים, פוּן זַיין בַּאהֶעלְטֶענִישׁ אִיז ר׳ אֵלִיָּהוּ גֶעבְּלִיבְּן שְׁטֵיין בַּאגֵייסְטֶערְט עֶר הָאט גֶעהֶערְט ווִי ר׳ חַיִּים בִּנְיָמִין רֶעדְט זִיךְ אוֹיס צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים, עֶר דֶערְצֵיילְט זַיינֶע שְׁוֶועריגְקֵייטְן אוּן טוּט תְּשׁוּבָה אוֹיף וָואס עֶר דַארְף פַארְרֶעכְטְן, אַלֶעס מִיט אַזַא תְּמִימוּת, אַזַא אֱמֶת וָואס הָאט גֶעלָאזְט ר׳ אַבְרָהָם אֵלִיָּהוּ - דֶעם גְרוֹיסְן עִלוּי פוּן מִינְסְק מִיט אַן אָפֶענֶעם מוֹיל.

פוּן אוּנְטֶער דִי בֵּיימֶער אִין זַיין בַּאהֶעלְטֶענִישׁ הָאט ר׳ אֵלִיָּהוּ מִיטְגֶעוֵויינְט צוּזַאמֶען מִיט ר׳ חַיִּים בִּנְיָמִין, זַיינֶע פָּשׁוּטֶ׳ע וֶוערְטֶער אוּן לוֹיטֶערֶע דִיבּוּרִים, בַּאגָאסְן מִיט הֵייסֶע טְרֶערְן, הָאט אִים אַזוֹי בַּאנוּמֶען, עֶר הָאט שׁוֹין מֶער נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קֻשְׁיוֹת... עֶר הָאט שׁוֹין אַלֶעס פַארְשְׁטַאנֶען, דָאס אִיז דֶער סוֹד פוּן דֶער בְּרֶסְלֶבֶ׳ער קְלוֹיז... אִידְן וָואס הָאבְּן הִתְבּוֹדְדוּת....!

יָארְן שְׁפֶּעטֶער אִין יְרוּשָׁלַיִם וֶוען עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אַ רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִין ״תּוֹרָה וְיִרְאָה״ הָאט ר׳ אַבְרָהָם אֵלִיָּהוּ דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה אוּן גֶעזָאגְט אַז דָאס בִּילְד פוּן ר׳ חַיִּים בִּנְיָמִין בְּרָאד אִין וַואלְד לִיגְט אִים נָאךְ בִּיז הַיינְט קֶעגְן דִי אוֹיגְן...

אוֹיף הִתְבּוֹדְדוּת זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ז״ל אַז עֶס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע מַעֲלָה אוּן גְרֶעסֶער ווִי אַלֶעס! אַ וֶועג וָואס קֶען נֶעמֶען אַ פָּשׁוּטֶ׳ער אִיד אוּן אִים אַרוֹיפְנֶעמֶען אוֹיף דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה פוּן נָאנְטְקַייט צוּם בַּאשֶׁעפֶער.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, יָא, אוֹיךְ אוּנְז בְּנֵי הַנְּעוּרִים הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעמֵיינְט, אוּן גָאר פַארְקֶערְט, אוֹיבּ וֶועסְטוּ זִיךְ אַיינְגֶעוואוֹינֶען אִינְגֶערְהַייט צוּ הָאבְּן דֶעם תְּמִימוּת אוּן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ בֶּעטְן אוּן דַאנְקְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, ווִי דֶער הֵיילִיגֶער תָּם וָואס הָאט אַלֶעס אוּן פוּן אַלֶעמֶען

המשך אויף זייט 7




# רבי נתנ׳ס קינדער יארן

דֶער קְלֵיינֶער נָתָנְ׳לֶע אִיז גֶעוואַקְסְן אוּן גֶעשְׁטִיגְן וֶוען דִי עֶלְטֶערְן, זֵיידֶעס אוּן בַּאבֶּעס שֶׁעפְּן נַחַת פוּן אִים, אִיבֶּערְהוֹיפְּט אִיז עֶר נָאנְט גֶעוֶוען מִיטְן זֵיידְן, הגה״צ רֶבִּי יִצְחָק דַאנְצִיג, דֶער פָּאטֶער פוּן זַיין מַאמֶע, בַּיי וֶועמֶען זֵיי הָאבְּן גֶעוואוֹינְט אוֹיף קֶעסְט.

דֶער זֵיידֶע פְּלֶעגְט אִים שְׁטֶענְדִיג מִיטְנֶעמֶען אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ צוּזַאמֶען מִיט אִים וֶוען עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט מִיט זַיינֶע חַברוּתוֹת. דִי חָשׁוּבֶע עֶלְטֶערֶע אִידְן – דִי זְקֵנִים פוּן שְׁטָאט פְּלֶעגְן לִיבּ הָאבְּן צוּ פַּארְבְּרֶענְגֶען אוּן זִיךְ צוּ טְשַׁאטְשְׁקֶען מִיטְן קְלֵיינֶעם נָתָנְ׳לֶע אוּן זַיין שַׁארְף קֶעפֶּעלֶע. אַ פִינְף יֶערִיג קִינְד וָואס הָאט שׁוֹין גֶעקֶענְט לֶערְנֶען אוּן גוּט פַּארְשְׁטֵיין וִוי מֶען פִירְט זִיךְ אוֹיף, אִיז גֶעוֶוען אַ חִידוּשׁ פַאר אַלֶעמֶען. אוֹיךְ נָתָנְ׳לֶע הָאט הֲנָאָה גֶעהַאט צוּ פַּארְבְּרֶענְגֶען מִיט דִי חֲשׁוּבִים פוּן שְׁטָאט. עֶר הָאט זֵיי אַלֶע גוּט גֶעקֶענְט פוּן דֶער נָאנְט.

אֵיין טָאג וֶוען נָתָנְ׳לֶע אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ הָאט עֶר גֶעזֶען וִוי אֵיין אַלְטֶער אִיד וֶועמֶען עֶר הָאט גוּט גֶעקֶענְט אִיז נִישְׁטָא. זַיין שַׁארְף קֶעפֶּעלֶע הָאט גְלַייךְ אוֹיפְגֶעכַאפְּט אַז עֶפֶּעס אִיז דָא נִישְׁט אִין אָרְדֶענוּנְג.

״זֵיידִי, וואוּ אִיז דֶער אִיד?״ הָאט נָתָנְ׳לֶע גֶעפְרֶעגְט.

״אוֹי,״ הָאט דֶער זֵיידֶע גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט אַ קְרֶעכְץ. ״דֶער אִיד אִיז שׁוֹין לֵיידֶער נִפְטַר גֶעוָוארְן.

״וָואס מֵיינְט נִפְטַר וֶוערְן?״ נָתָנְ׳לֶע הָאט אַצִינְד צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל גֶעהֶערְט אַזַא בַּאגְרִיף, אוּן זִיכֶער הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס דָאס מֵיינְט.

״אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט נִישְׁט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט אוֹיף שְׁטֶענְדִיג,״ הָאט דֶער זֵיידֶע עֶרְקְלֶערְט פַארְן בַּאלִיבְּטְן אֵיינִיקְל וֶועלְכֶער הָאט גֶעעֶפֶנְט אוֹיגְן וִוי עֶר פַארְשְׁטֵייט יֶעדֶעס וָוארְט. ״עֶס קוּמְט אַמָאל אַ טָאג וָואס דִי נְשָׁמָה גֵייט אַרוֹיס פוּן דֶעם גוּף אוּן מֶען בַּאעֶרְדִיגְט דֶעם קֶערְפֶּער.״

כַּמּוּשׁ וִוי אַן עֶרְוַואקְסֶענֶער, הָאט דֶער קְלֵיינֶער נָתָנְ׳לֶע גֶעפְרֶעגְט נָאךְ קֻשְׁיוֹת צוּ וֶועלְן פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס מֶען לֶעבְּט בִּכְלַל אוֹיף דֶער וֶועלְט אוֹיבּ מֶען וֶועט אֵיין טָאג וֶוערְן בַּאעֶרְדִיגְט? סְתַּם לֶעבְּן צוּ שְׁטַארְבְּן הָאט זִיךְ

# אונטערזועגנס

אִים נִישְׁט גֶעלֵייגְט אוֹיפְן שֵׂכֶל.

פוּן יֶענֶע מִינוּט אָן הָאט דֶער קְלֵיינֶע נָתָנְ׳לֶע בַּאקוּמֶען אַ פַארְשְׁטַאנְד וָואס קִינְדֶער אִין זַיין יָארְגַאנְג וֵוייסְן נִיטְאַמָאל וָואס דָאס בַּאַדַייט. אָט דִי שְׁאֵלָה וָואס הָאט זִיךְ בַּאזֶעצְט אִין רֶבִּי נָתָנְ׳ס הַארְץ בַּיי דִי פִינְף יָאר, הָאט אִים בַּאגְלֵייט דוּרְכְאוֹיס זַיין גַאנְצְן לֶעבְּן אוּן גֶעמָאנְט פוּן אִים דֶעם אֱמֶת.

"פַארְוָואס בִּין אִיךְ דָא?" הָאט עֶר זִיךְ כְּסֵדֶר גֶעפְרֶעגְט. ס'אִיז אִים גֶעשְׁטַאנֶען פַאר דִי אוֹיגְן אַז עֶר אִיז נִישְׁטָא סְתַם צוּ פִיסְטֶעוָוען. נִישְׁט פַארְדֶעם לֶעבְּט מֶען אוֹיף דִי וֶועלְט. עֶר הָאט גֶעווּאוּסְט אַז אֵיין טָאג וֶועט עֶר נִפְטַר וֶוערְן אוּן דָאס הָאט אִים גֶעפִירְט צוּ שְׁטֵייגְן אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

זַיין אֵייגְנְאַרְטִיגְקַייט הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעוִויזְן אוֹיךְ בַּיים לֶערְנֶען. אִין דִי צַייט וָואס דִי אַנְדֶערֶע חֲבֵרִים אִין חֵדֶר הָאבְּן לִיבּ גֶעהַאט צוּ קְוֶועטְשְׁן אוֹיף אוּמְנוּיטִיגֶע שְׁאֵלוֹת אוּן זִיךְ מְפַלְפֵּל זַיין אִין גְמָרָא, פְלֶעגְט ר' נָתָן לֶערְנֶען מִיט אַ גְלַייכְקַייט, אָן דִי אַלֶע דְרֵיידְלֶעךְ. וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט, "פַארְוָואס פְרֶעגְסְטוּ נִישְׁט קַיין קֻשְׁיוֹת?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט, "וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין קֻשְׁיוֹת?" עֶר הָאט נָאר גֶעזוּכְט דֶער אֱמֶתְ׳עֶר בַּאַדַייט פוּן דִי גְמָרָא אוּן הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

דֶער מְלַמֵּד פְלֶעגְט זָאגְן: "ס'גֶעפֶעלְט מִיר מֶער נָתָנְ׳ס גְלַייכֶע הֶסְבֵּרִים וִוי דִי גֶעדְרֵייטֶע שְׁאֵלוֹת וָואס וֶוערְן גֶעפְרֶעגְט דוּרְךְ דִי אַנְדֶערֶע אִינְגְלֶעךְ.

## א׳ ב׳

המשך פון זייט 5

### ביים רבין און חדר

גֶערֶעדְט צוּ דִי שְׁכִינָה, יֶעדֶע זַאךְ הָאט עֶר גֶעזָאגְט אוּן בַּאלוֹיבְּט פַאר זַיין וַוייבּ וָואס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דִי שְׁכִינָה אַזוֹי אוֹיךְ מִיר קִינְדֶער וֶועלְן זִיךְ נֶעמֶען פוּן דֶעם שַׁבָּת צוּ דִי גְרִינְגֶע אוּן זִיסֶע עֵצָה אוּן זָאגְן כְּסֵדֶר, בַּאשֶׁעפֶער! וִוי צוּקֶערְדִיג וִוי הָאנִיגְדִיק אִיז מַיין דַאוֶוענֶען, מַיין שַׁבָּת, מַיין לֶערְנֶען, מַיין קְדוּשָׁה, מַיין הִתְנַהֲגוּת, רֶעדְן צוּ אוּנְזֶער טַאטְן אִין הִימְל, אוּן בֶּעטְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער קְלֵיינֶע הִתְבּוֹדְדוּת תְּפִלּוֹת צוּם בַּיישְׁפִּיל:

בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ וִויל אַ גוּטֶע פְּלַאץ אוֹיפְן בָּאס. בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף אֵיינֶער זָאל שְׁמֵייכְלֶען צוּ מִיר וֶוען אִיךְ קוּם אַרַיין אִין חֵדֶר, מַיין רֶבִּי זָאל הַיינְט גוּט אוּן קְלָאר מַסְבִּיר זַיין דִי מִשְׁנָיוֹת, גְּמָרָא, אִיךְ זָאל עֶס פַארְשְׁטֵיין אוּן לִיבּ הָאבְּן דִי תּוֹרָה, אַזוֹי לֶערְנְט מֶען זִיךְ אוֹיס צוּ הָאבְּן אַ קֶשֶׁר צוּם בַּאשֶׁעפֶער וֶוען אוּן וִוי אִימֶער.

הַצְלָחָה צַדִּיק, הֵייבּ אָן פוּן דִי מִינוּט זָאג: בַּאשֶׁעפֶער! ... ... ... ...

# מַעֲשֶׂה ג – דֶער הִינְקֶעדִיגֶער 2

[א] אַמָאל: אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּ אַ [גֶעוויסֶע] קְרַייטֶעכְץ [גְרָאז], וָואס עֶר הָאט נָאךְ אַזוֹי אַ [אַזַא] קְרַייטֶעכְץ נִישְׁט גֶעגֶעסְן! – אִיז אִים דָאס [דָאזִיגֶע] קְרַייטֶעכְץ זֵייעֶר גֶעפֶעלְן, מַחֲמַת [ווייל] עֶר הָאט גֶעגֶעסְן אַ לַאנְגֶע צַייט קְרַייטֶעכְצֶער [גְרֶאזְן], אוּן עֶר הָאט זֵיי שׁוֹין גֶעקֶענְט, אוּן אַזוֹי אַ [אַזַא] קְרַייטֶעכְץ, הָאט עֶר נָאכְנִישְׁט גֶעזֶעהְן!

הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען: עֶר וֶועט עֶס אוֹיסְרַייסְן מִיט דֶעם וָוארְצְל! - אִיז גֶעוֶוען אוּנְטֶערְן וָוארְצְל: אַ דוּמִיט [דִימַאנְט]! – אוּן דֶער דוּמִיט אִיז גֶעוֶוען פִיר־עֶקֶעכִיג [פִיר־עֶקֶעדִיג; פִיר־קַאנְטִיג]! – אוּן אִיטְלֶעכֶע זַייט פוּן דֶעם דוּמִיט, הָאט גֶעהַאט אִין זִיךְ אַ אַנְדֶערֶע סְגוּלָה!

אוֹיף אֵיין זַייט פוּן דֶעם דוּמִיט, אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אָנְגֶעשְׁרִיבְּן: אַז וֶוער עֶס וֶועט אָנְנֶעמֶען [אָנְכַאפְּן די דוּמִיט] בַּיי דֶער [דָאזִיגֶער] זַייט, וֶועט עֶס אִים טְרָאגְן אַהִין [צוּם פְּלַאץ] וואוּ טָאג אוּן נַאכְט קוּמֶען זִיךְ צוּם־אוֹיף [צוּנוֹיף]! - דְהַיְינוּ: וואוּ דִי זוּן מִיט דֶער לְבָנָה קוּמֶען זִיךְ צוּם־אוֹיף [צוּנוֹיף] אִינְאֵיינֶעם!

וִוי דֶער [הִינְקֶעדִיגֶער] הָאט אוֹיסְגֶערִיסְן דָאס קְרַייטֶעכְץ מִיט דֶעם וָוארְצְל (וָואס דָארְט אִיז גֶעוֶוען דֶער דוּמִיט) – הָאט זִיךְ מְזַדַמֵן גֶעוֶוען [סְהָאט פַּאסִירְט]: אַז עֶר הָאט [דָאס] אָנְגֶענוּמֶען [אָנְגֶעכַאפְּט] בַּיי דֶער [דָאזִיגֶער] זַייט! (דְהַיְינוּ: בַּיי דֶער [דָאזִיגֶער] זַייט וָואס עֶס אִיז מְסוּגָל, עֶס זָאל אִים טְרָאגְן, צוּ דֶעם אָרְט וָואס טָאג אוּן נַאכְט קוּמֶען זִיךְ צוּם־אוֹיף [צוּנוֹיף]).

הָאט עֶס אִים אַוֶועקְגֶעטְרָאגְן אַהִין, [צוּם פְּלַאץ] וואוּ טָאג אוּן נַאכְט קוּמֶען זִיךְ צוּם־אוֹיף [צוּנוֹיף]! - עֶר קוּקְט זִיךְ אַרוּם, אוּן עֶר אִיז שׁוֹין דָארְט! ([בַּיי דֶעם פְּלַאץ] וואוּ טָאג אוּן נַאכְט, דְהַיְינוּ: דִי זוּן מִיט דֶער לְבָנָה, קוּמֶען זִיךְ אִינְאֵיינֶעם צוּם־אוֹיף [צוּנוֹיף]).

[ב] הָאט עֶר גֶעהֶערְט: וִוי דִי זוּן מִיט דֶער לְבָנָה שְׁמוּעֶסְן!

אוּן דֶער זוּן הָאט זִיךְ גֶעקְלָאגְט פַאר דֶער לְבָנָה: בַּאֲשֶׁר [אַזוֹי־ווי] סְפַארְהַאנְדְן אַ בּוֹים – וָואס דֶער בּוֹים הָאט אַסַאךְ צְוַוייגְן, אוּן פֵּירוֹת, אוּן בְּלֶעטְלֶעךְ!

אוּן אִיטְלֶעכֶע צְוַוייג, אוּן אִיטְלֶעכֶע פְּרִי, אוּן אִיטְלֶעכְס בְּלֶעטְל, הָאט אִין זִיךְ אַ בַּאזוּנְדֶערֶע סְגוּלָה! – דָאס אִיז מְסוּגָל צוּ קִינְדֶער! אוּן דָאס אִיז מְסוּגָל צוּ פַּרְנָסָה! אוּן דָאס אִיז מְסוּגָל סְזָאל הֵיילְן דָאס חוֹלַאַת [קְרֶענְק]! אוּן דָאס אִיז מְסוּגָל צוּ אַ אַנְדֶער חוֹלַאַת [קְרֶענְק]! – אִיטְלֶעכְס פִּיצְל פוּן דֶעם בּוֹים, אִיז מְסוּגָל צוּ אַ אַנְדֶערֶע זַאךְ!

אוּן דֶעם [דָאזִיגְן] בּוֹים, וָואלְט מֶען גֶעדַארְפְט אָנְטְרֶענְקְן! – אוּן אַז מְזָאל אִים אָנְטְרֶענְקְן, וָואלְט עֶס זֵייעֶר מְסוּגָל גֶעוֶוען! - אוּן לֹא־דִי [נִישְׁט־נָאר] אִיךְ טְרֶענְק אִים נִישְׁט אָן – שַׁיין אִיךְ נָאךְ אוֹיף אִים, אוּן [אוּן דוּרְכְדֶעם פַארְטְרוּקְן [אִיךְ] אִים!

[ג] הָאט זִיךְ דִי לְבָנָה אָנְגֶערוּפְן (צוּ דֶער זוּן): דוּ זָארְגְסְט פְרֶעמְדֶע זָארְג! – אִיךְ וֶועל דִיר דֶערְצֵיילְן מַיין דַאֲגָה:

בַּאֲשֶׁר [אַזוֹי־ווי] אִיךְ הָאבּ טוֹיזְנְט בֶּערְג! – אוּן אַרוּם דִי טוֹיזְנְט בֶּערְג, אִיז דָא נָאךְ טוֹיזְנְט

בֶּערְג! – אוּן דָארְט, אִיז דָאס אָרְט פוּן שֵׁדִים!
– אוּן דִי שֵׁדִים הָאבְּן הִינֶערִישֶׁע פִּיס! הָאבְּן זֵיי קַיין כֹּחַ נִישְׁט אִין דִי פִּיס! נֶעמֶען זֵיי כֹּחַ פוּן מַיינֶע פִּיס! – אוּן מַחֲמַת [צוּלִיבּ] דֶעם, הָאבּ אִיךְ קַיין כֹּחַ נִישְׁט אִין מַיינֶע פִּיס!

אוּן אִיךְ הָאבּ אַ פּוּל (דְהַיְינוּ: אַ שְׁטוּיבּ), וָואס דֶער [דָאזִיגֶער] פּוּל אִיז אַ רְפוּאָה צוּ מַיינֶע פִּיס! – קוּמְט אַ וִוינְט, אוּן טְרָאגְט אִים אַוֶועק!

[ד] הָאט זִיךְ דִי זוּן אָנְגֶערוּפְן [צוּ דִי לְבָנָה]: אַדָאס [דֶערוּיף] זָארְגְסְטוּ?! אִיךְ וֶועל דִיר זָאגְן אַ רְפוּאָה: בַּאֲשֶׁר [אַזוֹי־וִוי] סְפַּארְהַאנְדְן אַ וֶועג! אוּן פוּן דֶעם [דָאזִיגְן] וֶועג, צוּטֵיילְן [צוּשְׁפְּרֵייטְן] זִיךְ כַּמָה [אַסַאךְ] וֶועגְן!

אֵיין וֶועג, אִיז פוּן צַדִיקִים! – אֲפִילוּ דֶער צַדִיק וָואס עֶר אִיז דָא – שִׁיט [שְׁפְּרֵייט] מֶען אִים אוּנְטֶער, דֶעם [דָאזִיגְן] פּוּל [שְׁטוּיבּ] פוּן דֶעם [דָאזִיגְן] וֶועג [פוּן דִי צַדִיקִים], אִין אִיטְלֶעכְן טְרֶעט [בַּיי יֶעדְן טְרִיט]! – אוּן אִיטְלֶעכְן טְרֶעט וָואס עֶר טוּט [יֶעדְן טְרִיט וָואס עֶר גֵייט], גֵייט עֶר אַלְץ, אוֹיף דֶעם [דָאזִיגְן] פּוּל [שְׁטוּיבּ]!

אוּן סְפַּארְהַאנְדְן אַ וֶועג, פוּן אַפִּיקוֹרְסִים!
– אֲפִילוּ דֶער אַפִּיקוֹרֶס וָואס עֶר אִיז דָא – שִׁיט [שְׁפְּרֵייט] מֶען אִים אוּנְטֶער דֶעם [דָאזִיגְן] פּוּל [פוּנֶעם דָאזִיגְן וֶועג פוּן דִי אַפִּיקוֹרְסִים], אִין אִיטְלֶעכְן טְרֶעט [בַּיי יֶעדְן טְרִיט], כַּנַל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]!

אוּן סְפַּארְהַאנְדְן אַ וֶועג, פוּן מְשׁוּגָעִים! – אֲפִילוּ אַ מְשׁוּגָע וָואס עֶר אִיז דָא – שִׁיט [שְׁפְּרֵייט] מֶען אִים אוּנְטֶער דֶעם פּוּל [פוּנֶעם דָאזִיגְן וֶועג פוּן דִי מְשׁוּגָעִים], כַּנַל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]!

אוּן אַזוֹי אִיז פַארְהַאנְדְן כַּמָה [אַסַאךְ] וֶועגְן!

אוּן סְפַּארְהַאנְדְן אַ [אַנְדֶערְן גֶעוִויסְן] וֶועג: בַּאֲשֶׁר [אַזוֹי־וִוי] סְפַּארְהַאנְדְן צַדִיקִים, וָואס זֵיי זֶענֶען מְקַבֵּל אוֹיף זִיךְ יִסוּרִים, [אוּן עֶס] פִּירְן זֵיי דִי פְּרִיצִים אִין קַייטְן – הָאבְּן זֵיי קַיין כֹּחַ נִישְׁט אִין דִי פִּיס – שִׁיט [שְׁפְּרֵייט] מֶען זֵיי אוּנְטֶער, פוּן דֶעם [דָאזִיגְן] פּוּל [שְׁטוּיבּ] פוּן דֶעם [דָאזִיגְן] וֶועג – הָאבְּן זֵיי [בַּאקוּמֶען זֵיי דֶערְפוּן] כֹּחַ אִין דִי פִּיס!

בְּכֵן [דֶערִיבֶּער]: זָאלְסְטוּ [דָארְט] אַהִינְגֵיין [צוּם וֶועג וואוּ דִי צַדִיקִים וָואס זֶענֶען מְקַבֵּל אוֹיף זִיךְ יִסוּרִים, בַּאקוּמֶען דָארְט כֹּחַ אִין דִי פִּיס] – וָוארְן דָארְט אִיז דָא אַסַאךְ פּוּל [שְׁטוּיבּ] – וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ רְפוּאָה אוֹיף דִי פִּיס!

(דָאס הָאט אַלְץ דִי זוּן גֶערֶעדְט, צוּ דֶער לְבָנָה)! – אוּן עֶר הֶערְט דָאס אַלְץ! (הַיְינוּ: דֶער וָואס הָאט קַיין כֹּחַ נִישְׁט גֶעהַאט אִין דִי פִּיס [דֶער הִינְקֶעדִיגֶער], הָאט דָאס אַלְץ גֶעהֶערְט).

דֶערוַוייל הָאט עֶר אַ קוּק גִיטָאן אוֹיף דֶעם דוּמִיט אוֹיף דֶער אַנְדֶערֶער זַייט. הָאט עֶר גִיזֶעהְן דָארְט אִיז גִישְׁטַאנֶען אָן גִישְׁרִיבְּן אַז וֶוער עֶס וֶועט אָן נֶעמֶען בַּיי דֶער זַייט. וֶועט עֶס אִים טְרָאגְן צוּ דֶעם וֶועג וָואס עֶס גֵייעְן פוּן אִים אַרוֹיס כַּמָה וֶועגְן (דְהַיְינוּ דֶער וֶועג וָואס אוֹיבְן אִיז גִישְׁטַאנֶען וָואס דִי זוּן הָאט מוֹדִיעַ גִיוֶוען דֶער לְבָנָה)

הָאט עֶר אָן גִינוּמֶען בַּיי דֶער זַייט. הָאט עֶס אִים אַהִין אַוֶועק גִיטְרָאגְן (דְהַיְינוּ צוּ דֶעם וֶועג) הָאט עֶר אַרַיין גִיטָאן דִי פִּיס אִין דֶעם וֶועג. וָואס דֶער פּוּל אִיז אַ רְפוּאָה צוּ דִי פִּיס אִיז עֶר תֵּיכֶף גִיהֵיילְט גִיוָוארִין.

# דִי הָאפֶענוּנְג בַּיים פַאלְן

הַמְשֵׁךְ פוּן זַייט 12

אוּן זִיךְ נִישְׁט גֶערֶעכְנְט מִיט זַיינֶע וֶוערְטֶער אוּן גֶעדַאנְקֶען, וִוי גְלַייךְ עֶר וָואלְט גֶעוֶוען אַ וַואנְט.

אוֹי וִוי עֶס הָאט אִים וַויי גֶעטוּן... עֶס אִיז אִים גֶעוֶוען וִוי אַ שְׁטָאךְ אִין הַארְץ. "וָואס בִּין אִיךְ אַנְדֶערְשׁ פוּן אַלֶע חֲבֵרִים?" הָאט עֶר זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט וֶוען טְרֶערְן גִיסְן פוּן זַיינֶע אוֹיגְן. זַיין שְׁוֶוערְסְטֶע מִינוּט אִיז אָנְגֶעקוּמֶען וֶוען דִי חֲבֵרִים זֶענֶען גֶעפָארְן אוֹיף קִבְרֵי צַדִּיקִים. אַלֶע הָאבְּן זִיךְ גֶעטְרָאפְן אַ חָבֵר צוּ זִיצְן אוֹיפְן בָּאס, אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע פְּלַאץ וָואס אִיז גֶעבְּלִיבְּן לֵיידִיג אִיז גֶעוֶוען נֶעבְּן אַהֲרֶ'עלֶע. זַיין הַארְץ אִיז צֶעגַאנְגֶען אוּן צֶעפִּיצְלְט גֶעוָוארְן אוֹיף בְּרֶענֶענְדֶע שְׁטִיקְלֶעךְ. וֶוען זֵיי זֶענֶען אַרָאפּ דַאוֶוענֶען בַּיים צִיּוּן פוּנֶעם צַדִּיק, הָאבְּן אַלֶע גֶעשְׁפַּאנְט צְוֵויי דְרַיי חֲבֵרִים צוּזַאמֶען אוּן נָאר עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אַלֵיין. "וָואס וִויל אִיךְ דֶען פוּן זֵיי?", הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ, "סַךְ הַכֹּל אַ קְלֵיין שְׁמֵייכְל, בִּין אִיךְ דָאס נִישְׁט וֶוערְד?".

נֶעבְּן דִי לִיכְט בַּיים הֵיילִיגְן צִיּוּן הָאט עֶר אוֹיסְגֶעפְּלַאצְט אִין אַ גֶעוֵויין, עֶר הָאט גֶעדַאוְונְט אוּן אוֹיסְגֶעגָאסְן זַיין הַארְץ. דָארְט הָאט עֶר אַנְדֶעקְט אַז תְּפִלָּה פוּן הַארְצְן טִיפְן קֶען הֶעלְפְן אוּן אוֹיסְהֵיילְן. פוּן דַאן אִיז אִים בֶּעסֶער גֶעוָוארְן אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לֶעבְּן אַ גוּטְן לֶעבְּן... דַאן הָאט זִיךְ אַהֲרֶ'עלֶע דֶערְמַאנְט אוּן פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אִין דִי מַעֲשֶׂה: דֶער הִינְקֶעדִיגֶער אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי שְׁוֶוערֶע מִינוּט וֶוען עֶר הָאט זִיךְ דֶערְזֶען אַז זַיין סוֹף אִיז נָאנְט, אוּן דַוְקָא פוּן טִיפֶענִישׁ פוּן דִי שְׁוֶוערִיקַייט אִיז גֶעקוּמֶען דִי גַאנְצֶע יְשׁוּעָה.

# אֵיין אִשָּׁה'לֶע

הַמְשֵׁךְ פוּן זַייט 3

מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אִים גֶעפְרֶעגְט, "ס'אִיז דִיר נִישְׁט שְׁוֶוער גֶעוֶוען צוּ פָארְן פַאר דְרַיי טֶעג: צְוֵויי פְלִיגֶערְס אוּן צְוֵויי בָּאסֶעס?" אָבֶּער נֵיין, אִין פַארְגְלַייךְ צוּ רֶבִּי נָתָנְ'ס נְסִיעָה קֵיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז דָאס אַ גֶעלֶעכְטֶער. אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל נִקְנֶה בְּיִסּוּרִים, אוֹיבּ דָאס קֶען הֵייסְן יִסּוּרִים דַאן שְׁטֵייעֶן מִיר גוּט...

מַיין טַאטֶע שִׁילְדֶערְט וִוי עֶר אִיז גֶעזֶעסְן אוּן גֶעלֵיינְט פוּן רֶבִּי נָתָנְ'ס נְסִיעָה אוּן זִיךְ גֶעשְׁפִּירְט אַזוֹי מְחֻבָּר. דִי גְרוֹיסֶע לַייט זֶענֶען שׁוֹין אַרִיבֶּער אַלֶע מְנִיעוֹת אוּן אוֹיסְגֶעטְרָאטְן דֶעם וֶועג אַז מִיר, הַיינְטִיגֶע צַייטְן זָאל מֶען קֶענֶען גְרִינְגֶערְהֵייט פָארְן קֵיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט אוֹיף אֶרֶץ הַקּוֹדֶשׁ (פַארְשְׁטֵייט זִיךְ דִי הֵיילִיגֶע אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל נִישְׁט חַס וְחָלִילָה דִי נַארִישֶׁע מְדִינָה וָואס אִיז אַזוֹי וַוייט פוּן קְדוּשַׁת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל...)

מִיט לוֹיבּ אוּן דַאנְק דֶערְצֵיילְן מִיר דִי מַעֲשֶׂה פַארְן רֶבִּינְ'ס לִיכְט אוֹיסְצוּדְרוּקְן אוּנְזֶער הוֹדָאָה צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן פַארְן אוּנְז רַאטֶעוֶוען פוּן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע מִלְחָמָה אוּן אַהֵיימְבְּרֶענְגֶען אוּנְזֶער טַאטֶע בְּשָׁלוֹם. זָאל דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז עֶס זָאל שׁוֹין זַיין אַן אוֹיסְגֶעלֵייזְטֶע יָאר אוּן מָשִׁיחַ זָאל שׁוֹין קוּמֶען אַצִינְד נָאךְ אֵיידֶער דִי בֵּין הַמְּצָרִים טֶעג.

:pe ______________

# לאמיר זיך פארהערן



## בחינה אויף סיפורי מעשיות
### די דריטע מעשה - דער הינקעדיגער (2)

**א. פארוואס האט ער אויסגעריסן די קרייטיכץ מיט דיווארצל?**
- ❑ ווייל ס'האט אים אויסגעזען גאר א אלטע קרייטיכץ
- ❑ ווייל ער האט געוואלט עסן אויך די ווארצל
- ❑ ווייל אזא קרייטיכץ האט ער נאכנישט געזען

**ב. וויאזוי איז געווען דער דומיט וואס ער האט געטראפן?**
- ❑ רינדעכיג
- ❑ א לאנגע קעסטל
- ❑ פיר עקעדיג

**ג. וויאזוי איז ער אנגעקומען צו פלאץ וואס טאג און נאכט טרעפן זיך?**
- ❑ ער איז געגאנגען צופיס
- ❑ מיט פערד און וואגן
- ❑ ער האט אנגעכאפט דער דומיט אויף די זייט וואס ווער עס כאפט אן די זייט קומט אן צו פלאץ וואס טאג און נאכט טרעפן זיך

**ד. וואס האט די זון געקלאגט פאר דער לבנה?**
- ❑ אז ער האט נישט כח און די פוס ווייל די שדים נעמען זייער כח פון זיינע פוס
- ❑ אז ער טרוקענט די בוים וואס האט אין זיך אסאך סגולות
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ה. וואספארא דאגה האט די לבנה דערציילט?**
- ❑ אז ער האט נישט כח און די פוס ווייל די שדים נעמען זייער כח פון זיינע פוס
- ❑ אז זי טרוקענט די בוים וואס האט אין זיך אסאך סגולות
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

נָאר דָאס זָאלְט אִיר זֶעהְן תָּמִיד צוּ טָאן. אָן צוּ טְרֶענְקֶען בֵּיימֶער - מיט פיל הצלחה



**וואו נאך אין סיפורי מעשיות ווערט דערמאנט דאסווארט 'אפיקורסים'?**

**תשובות אויף פאריגע וואך: וואו נאך אין סיפורי מעשיות ווערט דערמאנט פון איינעם וואס האט נישט קיין פיס? מעשה פון זיבן בעטלערס, זיבעטן טאג.**

**וועלכע זאך ווערט דערמאנט אין די מעשה און אויך אין מעשה ב' פון דער מלך און קייסער? גזלנים**

געווינער אויף די בחינות פון חיגר 1 איז הילד הח' חיים אייזנבאך, ירושלים כתה ה'
די מתנה קען מען באקומען ביים משגיח אין חדר ברסלב ר' משה געפנער הי"ו

צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040

# דִי הָאפֶענוּנג בַּיים פַאלְן

אִין דֶער מַעֲשֶׂה פוּן דֶער וָואךְ הָאבְּן מִיר גֶעזֶען אַ שְׁטוּרֶעמִישׁ צֶעטְרֵייסְלְנְדֶע פַּאסִירוּנג. דֶער חִגֵר וָואס הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין הָאט אֵיין טָאג בַּאשְׁלָאסְן זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן, אוּן מִיט דְרֵייסְטְקֵייט הָאט עֶר גֶעמָאלְדְן פַאר זַיינֶע אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּענֶע בְּרִידֶער: "אִיךְ וִויל זִיךְ אַלֵיין בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, אָן זַיין אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין אַיךְ". מִיט גְרוֹיס אָנְשְׁטְרֶענְגוּנג אָבֶּער מִיט אַ שְׁטַארְקֶע וִוילְן דִינְגְט עֶר אַ וָואגְן אוּן אַ 'נֶאֱמָן' (בַּאגְלֵייבְּטֶער מֶענְטְשׁ), עֶר נֶעמְט מִיט זִיךְ גֶעלְט אוּן זֵיי לָאזְן זִיךְ אַרוֹיס אוֹיפְן וֶועג.

דִי וָואגְן פָּארְט, אִין עֶטְלִיכֶע טֶעג אַרוּם וֶועלְן זֵיי אָנְקוּמֶען אִין מַארְק צוּ מַאכְן גֶעשֶׁעפְטְן אוּן פַארְדִינֶען גֶעלְט, אוּן וֶועלְן נִישְׁט דַארְפְן מֶער זַאמְלֶען צְדָקָה.

דֶער נַאכְט אִיז אַרָאפּ, דֶער נֶאֱמָן בֶּעט פוּנֶעם חִגֵר מֶען זָאל בְּלַייבְּן אִיבֶּערְנֶעכְטִיגְן אִין קְרֶעטְשְׁמֶע, אָבֶּער עֶר וִויל נִישְׁט. זֵיי זֶעצְן פָּאר מִיט דִי נְסִיעָה. אוּן אִין אֵיין רֶגַע צֶעפַאלְן אַלֶע פְּלֶענֶער אוּן צֶעשְׁמֶעטֶערְן זִיךְ פַאר זַיינֶע אוֹיגְן. עֶס קוּקְט אוֹיס אַז דָאס זֶענֶען דִי לֶעצְטֶע טֶעג פוּן זַיין לֶעבְּן. רוֹיבֶּערְס הָאבְּן זֵיי בַּאלַאגֶערְט, דִי פֶערְד אוּן דִי קַאסְטְן גֶעלְט זֶענֶען גֶערוֹיבְּט גֶעוָוארְן, דֶער 'נֶאֱמָן' אוּן דֶער בַּאדִינֶער זֶענֶען אַנְטְלָאפְן, אוּן עֶר וַוארְפְט זִיךְ אַרָאפּ פוּן וָואגְן. עֶר הָאט נִישְׁט קַיין צַייט צוּ טְרַאכְטְן פוּן שְׁמֶערְצְן, נָאר אֵיין זַאךְ שְׁטֵייט פַאר זַיינֶע אוֹיגְן - עֶר זָאל קֶענֶען בְּלַייבְּן לֶעבְּן.



מִיט אַבִּיסְל גְרָאז וָואס זֶענֶען נִישְׁט פַּאסִיג צוּם עֶסְן שְׁפֵּייזְט עֶר זִיךְ. עֶר קְרִיכְט אוּן עֶסְט פַארְשִׁידֶענֶע סָארְטְן גְרָאזְן, אוּן וִוי עֶס וַוייזְט אוֹיס וֶועט עֶר דָא אוֹיסְגֵיין... אוּן זַיין גוּף וֶועט זַיין דָא פַארְוָוארְפְן וִוי אַ פֶּגֶר פַאר דִי חַיּוֹת פוּן וַואלְד.

דֶער סוֹף דֶערְנֶענְטֶערְט זִיךְ. דֶער יֵאוּשׁ פְּרוּבִּירְט זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אִין אִים. דִי שְׁוַואכְקֵייט בַּאזִיגְט אִים כִּמְעַט. אָבֶּער אִין זַיין הַארְץ הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט פַארְגֶעשְׁטֶעלְט וִוי וַוייט זַיין יְשׁוּעָה אִיז בַּאהַאלְטְן דַוְקָא דָא וואו עֶר עֶסְט דִי בִּיטֶערֶע גְרָאז. עֶטְלִיכֶע שָׁעוֹת זֶענֶען פַארְבַּיי, אוּן עֶר אִיז וִוידֶער אַמָאל הוּנְגֶערִיג, עֶר נֶעמְט נָאכְאַמָאל גְרָאז, נָאר דָאסְמָאל אִיז דָאס גֶעוֶוען אַ נַייעֶר סָארְט גְרָאז, וָואס אוּנְטֶער דֶעם אִיז גֶעוֶוען אַ וָוארְצְל, אוּן אוּנְטֶער דֶעם וָוארְצְל אִיז גֶעוֶוען 'אַ דוֹמִיט', אוּן פוּן דָא אִיז שׁוֹין דִי וֶועג נָאנְט צוּ זַיין יְשׁוּעָה אַז עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ גֵיין אוֹיף זַיינֶע אֵייגֶענֶע פִיס גֶעזוּנְטֶערְהֵייט כְּאַחַד הָאָדָם.

אַהֲרַ'לֶע הָאט אַלֶעמָאל גֶעהַאט אַ בַּאהַאלְטֶענֶע צַעַר אִין הַארְץ. הָאט עֶר כְּסֵדֶר גֶעשְׁפִּירְט אִין כִּתָּה וִוי אַן אָפְּגֶעזוּנְדֶערְטֶער אִינְגְל וָואס קֵיינֶער וִויל אִים נִישְׁט קֶענֶען אוּן מִיטְטֵיילְן מִיט אִים. קִינְדֶער זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען אִינְמִיטְן כִּיתָּה אוּן גֶעשְׁמוּעֶסְט פוּן דָאס אוּן יֶענְץ, אָבֶּער וֶוען עֶר הָאט פְּרוּבִּירְט צוּ זָאגְן עֶפֶּעס, הָאט מֶען אִים נִישְׁט צוּגֶעהֶערְט

המשך אויף זייט 8